בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתוכל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קל"ג

יו"ל: ו' אדר א' ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

א טישל מיט דריי פיסלעך...

כאפן א טבילה אין דעם 'נהר המטהר'

די גניבה ביים וואָקזאַל

בעטן א שטיקל ברויט, און ווייטער דינען דעם אויבערשטן...

'איך גיי אלע טאג צום פריץ'...

"יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה'"

גאר עפעס אַן אנדער אורח

'חכמים הזהרו בדבריכם'

זמני עלות השחר וצאת הכוכבים באומאן

אויסגעברענט די אויגן

איסור כלי זמר בחתונות בירושלים

תיקון חצות עם חירות המוחין

'הרחק מן הפקדונות'

אויסגעדרייט דאס פנים

נישט געוואלט היילן דעם קראנקן

נישטא קיין קליידל צו דער חתונה

ער קען אויך עפענען די אויגן פארמאכטערהייט...

אפגעווען ביים ציון גאנצע טעג און נעכט...


הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

(ארה"ק: 072-257-3456)



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 30$ יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #133**

בס"ד

# פרשת ויקהל (ח"ג)

**שנת תשל"ז**

(טייפס מס' 148-147-146#)

## א טישל מיט דריי פיסלעך...

דער אויבערשטער פירט איצטער ברוך השם אין אלע ענינים פיל שענער; איך בין געקומען אהינצו אין רוסלאנד אלס אינגל פון זיבעצן יארן, איך בין געוואקסן געווארן דארטן, און איבערגעגאנגען דארטן די אלע שבעה מדורי גיהנום, מיט די קאמוניסטן ימח שמם, תפיסה מיט זאכענישן.

דאס דחקות, דאס עניות, איז געווען ביי אונז א געוואלד א געוואלד! וואס מען האט נאר צוגערירט איז געווען א סכנות'דיגע זאך - קיין חדר האט נישט געטארט זיין, קיין מקוה האט נישט געטארט זיין, קיין רב נישט, קיין מוהל נישט, קיין שוחט נישט.

אבער עס איז געווען חידושים; טאקע די וועלכע מען האט פארשיקט [- מען ווייסט נישט וואו זיי זענען אומגעקומען] - אזעלכע געוואלדיגע מענטשן זענען זיי געווען! אזעלכע חידושים נפלאים! מיט אזא מין סארט דחקות, מיט אזא מין סארט עניות, מיט אזעלכע סארטן מניעות און פחדים - עס איז געווען א געוואלד!

ברוך השם, דא איצטער איז דאך ממש, "סופה לקיימה מעושר"[א]; ברוך השם, א ווארעמע מקוה, און א בית מדרש מיט א ווארעמקייט. דארטן איז געווען - 'ווייס איך וואס'... עס איז געווען וואכן וואס מען האט זיך נישט געקענט וואשן צו א שטיקל

---

[א] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ר': הַטַּעַם שֶׁהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּזְּמַן הַזֶּה הֵם עֲשִׁירִים, וּבַזְּמַנִּים הַקּוֹדְמִים הָיוּ רֻבָּם עֲנִיִּים וְאֶבְיוֹנִים, זֶה מְרֻמָּז בַּמִּשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ד'): **'כָּל הַמְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה מֵעֹנִי סוֹפוֹ לְקַיְּמָהּ מֵעֹשֶׁר', וְהַצַּדִּיקִים שֶׁבַּזְּמַן הַזֶּה הֵם הֵם הַצַּדִּיקִים שֶׁהָיוּ בַּזְּמַנִּים הַקּוֹדְמִים בְּסוֹד הַגִּלְגּוּל, וּכְבָר קִיְּמוּ הַתּוֹרָה מֵעֹנִי, עַל כֵּן זוֹכִים עַתָּה לְקַיְּמָהּ מֵעֹשֶׁר.**

ברויט. ברוך השם, מען קויפט ערב שבת, פיש-פלייש, וויין אויף קידוש! וואו האט מען דאס געזעהן פאר די אויגן?! ווער האט דאס געזעהן?! יעדע זאך איז געווען מסירות נפש, פונדעסטוועגן איז טאקע אויסגעוואקסן דארטן אזעלכע חידושים!

עס איז געווען אמאל א ווינטער, ר' געצע איז געווען א גרויסער ארעמאן, האבן מיר אפגעמאכט צווישן זיך אז מיר וועלן עסן ביי אים שבת, וועט ער אויך עסן מיט אונז שבת - וועט ער האבן אויף שבת. האט מען עפעס אריינגעטראגן דארטן אויף שבת מען זאל האבן וואס צו קאכן... עס האבן געגעסן דארטן אפשר א צוואנציג מענטשן שבת - בחורים, יונגעלייט - א גאנצער ווינטער איז אזוי געווען.

אזא ארעמאן געווען - ער האט קיינמאל נישט געהאט אויף שבת.

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט געהאט פלאץ צו מקבל זיין אזוי פיל אורחים?) איך ווייס?!... דארטן האט מען געדארפט האבן די מעשה'ס?! פלאץ?!

דער רבי דערציילט אין די מעשה פון דעם "חכם ותם"[ב] וועגן א 'שיכעלע מיט דריי עקן'; עס איז געווען דארט א טיש מיט דריי פיס... און א בענקל מיט צוויי פיס...

דו קענסט זיך נישט אויסמאלן דאס צונויפשטעל פון א יונגערמאן פון יענער צייט, וואספארא סארט שטוב ער האט געהאט, וואספארא סארט מעבל ער האט געהאט, דו קענסט זיך דאס נישט אויסמאלן! א חיה וואוינט דאך שענער... אַן עוף וואוינט דאך שענער...

און ברוך השם, עס איז געווען - - עס האט געקאכט! עס האט געקאכט! די פרעסטן דארטן, די שנייען, מיט דאס גיין צום רבי'ן אויפן ציון - אה!

❖

[ב] מעשה ט' מספר סיפורי מעשיות.

# כאפן א טבילה אין דעם 'נהר המטהר'

דער אויבערשטער האט אונז געהאלפן, דארף מען דאס אויסניצן. מיר זענען ברוך השם אין ארץ הקדושה, נישט אין דעם פארשאלטענעם לאנד, דארף מען דאס אויסניצן, מען דארף דאס אויסניצן צום רבי'נס זאך. יעדער איינער ווי אזוי ער איז, אפילו נישט קיין עושר, אבער מען קען זיך שוין צורירן אז מען זאל קענען אריינגעמען דעם רבי'נס זאך.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "דער רבי האט געזאגט[ג]: 'אני נהר המטהר מכל הכתמים'; אבער ווען איז דער טייך מטהר? אז מען טוהט זיך אויס און מען טובל'ט זיך, דעמאלט איז דער נהר מטהר; אבער אז עס איז דא א שיינער טייך, א כשר'ער טייך, און איך פויל זיך אויסצוטוהן, איך וויל זיך נישט אויסטוהן, איך וויל זיך נישט טובל'ען - ווי קען דער נהר מיר מטהר זיין?!".

דעם רבי'נס עצות זענען מטהר! יעדעס דיבור פון דעם רבי'ן איז א 'נהר המטהר מכל הכתמים', אבער גיי אריין אינעווייניג!

❖

ר' חיים קיבליטשער איז געווען א גרויסער למדן, אבער ער איז געווען א גרויסער ארעמאן. אין די רוסישע פרעסטן איז ביי אים געווען קאלט אין שטוב, האט ער געזאגט: "איך האב מורא אריינצוגיין צו יענעם אין שטוב אריין; אז ביי יענעם איז ווארעם און ביי מיר איז קאלט - וועל איך יענעם מקנא זיין!".

(ר' נחמן: ר' חיים פלעגט לערנען א גאנצן טאג, ער איז געווען א בעל מח עצום!) א שארפער מח, א למדן א גרויסער.

(ר' נחמן: ער פלעגט אמאל פארלערנען ליקוטי מוהר"ן?) וואס רעדסטו? ער האט קיינמאל נישט געוואלט לערנען (פארן ציבור). מען פלעגט מאכן שלש סעודות (אין קיבליטש) -

---

[ג] חיי מוהר"ן קפ"ט; של"ב.

אמאל ביי אים, אמאל ביים שווער (- ר' אהרן קיבליטשער), אבער ער האט קיינמאל נישט געוואלט לערנען, נאר ער פלעגט הייסן לערנען - אמאל מיר, אמאל דעם, אמאל דעם.

איך געדענק, עס איז געווען איינמאל א שבועות, האט מען זיך צוגעזעצט צו אים ער זאל לערנען, האט ער געלערנט די תורה "תפילה לחבקוק"[ד] - אַה! האט ער געלערנט! האט ער געריסן שטיקער! ער איז געווען א חסיד! אָה!

(ר' נחמן: אין עבודה אויך?) אין עבודה! וואס דען?! נאר ער איז געווען א שטילער.

ר' יצחק באבריניצער[ה] איז געווען זיין איידעם. דער ר' נחמן (באברינציער) וואס איז דא געווען[ו], זיין מאמע איז געווען זיין טאכטער.

❖

## די גניבה ביים וואָקזאַל

ר' חיים איז געווען אַן ארעמאן, אז ער איז געקומען קיין אומאן האט מען אים געדארפט געבן. אמאל איז אים עפעס געווארן בעסער, אז ער איז געקומען קיין אומאן האט ער געטיילט צדקה.

ער האט געהאט א טאכטער אין אומאן, זי איז געווען אביסל א פארמעגליכע, אבער איר מאן איז געשטארבן, איז זי געבליבן אַן אלמנה. איז ער געקומען אפנעמען דער טאכטער איר אהיים נעמען צו זיך. ער האט שוין דעמאלט נישט געוואוינט אין קיבליטש - קיבליטש איז געווארן אוים (ביי די באנדעס), ער האט געוואוינט אביסל ווייטער - נעבן קרימענטשוק. האט זי דארטן מיטגענומען אירע וואליזעס (- רענצלעך) מיט די זאכענישן, האט ער דאס אלץ מיטגענומען מיט זיך דארטן.

---

[ד] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ט.

[ה] ב"ר נתן ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת זצ"ל.

[ו] לפני המלחמה התגורר בבאברינייץ, ואח"כ בקראוואראק, ואח"כ בגרוזיא, ומשם היה מגיע כל שנה לאומאן. מאלה שחידשו את המנין בראש השנה באומן אחרי המלחמה. בשנת תשכ"ז עלה לארץ ישראל בהיותו למעלה מגיל שבעים, ונלב"ע כ"ג אלול תשכ"ח (מגידולי הנחל).

אין זדמינקע לעבן טשעהרין איז פארהאן א גרויסער וואָקזאל, און דארטן איז דא זייער אסאך גנבים. די גנבים ווייסן שוין, אז זיי זעהען שיינע וואליזעס, מסתמא איז דא דארטן גוטע זאכן... האבן זיי ארויסגעכאפט א וואליזע און אנטלאפן. איז ר' חיים זיי נאכגעלאפן. זענען זיי ארונטער אונטער דער באן - די באן איז דעמאלט געשטאנען. אז זיי זענען ארונטערגעקראכן - האט ר' חיים אויך געוואלט ארונטערקריכן. זיי האבן אבער שוין געוואוסט וואו צו לויפן - און די באן האט געגעבן א גיי - האט ער אים אראפגענומען ביידע פיס (ל"ע).

ער האט נאך עספיעט צו זאגן אז מען זאל אים מקבר זיין מיט די פיס. ער האט נאך אביסל געלעבט נאכדעם - גאר א קליינקייט געלעבט, אבער מען האט שוין געזעהן אז עס איז שלעכט ביי אים.

דער שווער האט נישט געוואוסט אז ר' חיים איז שוין געשטארבן (- מען האט אים נישט געוואלט דערציילן). אז עס איז געקומען עפעס אלול צייט, האט איינער זיך פארגעסן און זיך ארויסגעכאפט א ווארט פארן שווער אז ר' חיים איז שוין נישטא. (זאגט ער:) "אזוי? זאגסטו? חיים איז שוין נישטא?! - דאס מיינט מען שוין מיר אויך!".

יענעם כ' אלול איז ער נפטר געווארן...

ר' חיים איז נפטר געווארן אין איין יאר מיטן שווער - תרפ"ב.

דאס איז געווען צוויי חברים - אלע האבן געמיינט אז דאס איז צוויי ברידער.

(ר' נחמן: ר' חיים איז אויך געווען א פרייליכער ווי דער שווער?) ניין, ער איז געווען מער מיט התעוררות אזוי, ער איז א געוואלדיגער מענטש געווען.

(ר' נחמן: דער ר' חיים איז אויך געווען פון ר' פנחס'נס תלמידים?) אוודאי אוודאי, די אלע קיבליטשער זענען אלע געווען פון ר' פנחס'ן! קיבליטש איז געווען ר' פנחס'נס![ז]

[ז] עיין אודותיו בטעם זקנים קונטרסים ע"ג, פ"ט, ועוד.

דאס איז דאך שוין "בהדי כבשי דרחמנא למה לך"[ח], אז אזא איד ווי ר' חיים - א געוואלד, א געוואלד, אה, א צדיק ולמדן, א צדיק ולמדן (- און ער זאל נפטר ווערן מיט אזא מיתה משונה).

❖

## בעטן א שטיקל ברויט, און ווייטער דינען דעם אויבערשטן...

(ר' נחמן: ביי וועמען איז געווען וואס ער האט געזאגט: "נעכטן האב איך געהאט, און איצטער האב איך נישט"?) דאס איז געווען ביים שווער - ר' יוחנן (גאלאנט) האט מיר דערציילט דאס דאזיגע; דארטן איז דאך נישט געווען וואס צו עסן, מען איז אריין אין א צוויי הייזער נעמען (- בעטן) א שטיקל ברויט, איז געווען וואס צו עסן.

איז געווען אמאל וואס ר' יוחנן האט עפעס דווקא געוואלט צוטראגן דעם שווער א שטיקל ברויט. זאגט אים דער שווער: "איך האב איצטער געגוג, איך קען נאך דיר אויך געבן!". צומארגן האט דער שווער שוין נישט געהאט, איז ער צוגעגאנגען צו אים: "איצטער האב איך נישט - איצטער קענסטו מיר געבן!" - א שטיקל ברויט...

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[ט]: "איך האב געוואלט מיינע לייט זאלן תמיד דינען דעם אויבערשטן; אז זיי וועלן נישט האבן (צו עסן, זאלן זיי) אריינגיין אין א שטוב אריין בעטן א שטיקל ברויט - און ווייטער געדינט דעם אויבערשטן!".

דער שווער איז געווען אזא מין פרייליכער. ער איז אריינגעגאנגען אין א שטוב נעמען א שטיקל ברויט און אויפגעגעסן די 'סעודה' - אזוי מלא שמחה! מלא שמחה, אַה![י]

---

[ח] ברכות י.

[ט] עיין שיחות הר"ן אות רמ"ח: אָמַר: טוֹב הָיָה לְהָאָדָם שֶׁיִּבְחַר לוֹ אֵיזֶה מָקוֹם וְיֵשֵׁב שָׁם יוֹמָם וָלַיְלָה וְיַעֲסֹק בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וַעֲבוֹדַת ה'. וּכְשֶׁצָּרִיךְ לֶאֱכֹל יָרוּץ לְתוֹךְ אֵיזֶה בַּיִת וַיִּקַּח שָׁם בְּחִפָּזוֹן אֵיזֶה חֲתִיכַת לֶחֶם וְכַיּוֹצֵא לְהַעֲבִיר רַעֲבוֹנוֹ, וְאַחַר כָּךְ יַחֲזֹר לַעֲבוֹדָתוֹ.

[י] עיין סיפורי מעשיות - מעשה ט' 'מחכם ותם'. ועיין ליקוטי עצות מהדו"ב - ערך 'תמימות' אות ד': מי שזוכה לילך בדרכי התמימות באמת הוא חי חיים אמיתיים חיים טובים באמת ואיך שמתנהג עמו הכל

היינט מיט די גרויסע פארמעגנס, מיט די גרויסע בעטן, מיט 'וויים איך וואס', שמחה?! שמחה?! די בעטן מאכן גארנישט פרייליך, עס מאכט נישט פרייליך.

דער שווער איז געווען אזא מתבודד - אה! א חצות'ניק - אה!

איך געדענק, דער שווער איז נפטר געווארן פרייטאג בייטאג ארום צוויי אזייגער. אפילו תכריכים - איך האב געהאט דארטן עפעס אפאר וועש נייע - האב איך דאס אוועקגעגעבן (פאר תכריכים)... דער ליילעך איז געווען פון א זאַק - אזא מין סארט דחקות איז געווען.

די שוויגער האט געזאגט (בַּלויה): "אהרן, אהרן, איך וויים ווער דו ביסט געווען!"...

❖ ❖ ❖

## 'איך גיי אלע טאג צום פריץ'...

(מדבר מר' חיים קובליטשער הנ"ל) גמרא מיט תוספות געשמאק געלערנט, א חסיד!

אויף דער עלטער האט ער שוואך געזעהן.

(ר' נחמן: אייער שווער איז שפעטער געפארן קיין טעפליק; און וואו איז ר' חיים געווען?) עפעס לעבן זדמינקע דארטן, לעבן קרימענטשוק.

ר' איציק (- חתנו) האט דאך געוואוינט אין באברויניץ, דאס איז דאך לעבן זדמינקע, יאלסיוועט, יאלסיוועט-גראד - עפעס דארטן אין יענע ערטער איז ער געווען, ער איז געווען לעבן די קינדער.

---

טוב וישר לפניו והוא מלא שמחה תמיד ואפילו אם אין לו רק לחם צר ומים לחץ הוא מתענג מזה מאד ומרגיש בהלחם ומים באמת כל הטעמים של כל המאכלים ומשקאות שבעולם וכן בענין המלבושים אפילו אם אין לו רק איזה מלבוש פחות מאד הוא מתענג ממנו מאד כאלו היה לו כל המלבושים טובים שבעולם ואינו חסר לו לעולם שום דבר ואינו מתקנא בשום אדם רק הוא שמח בחלקו באמת ברוחניות ובגשמיות.

(ר' נחמן: ער האט געהאט נאך א טאכטער?) ער האט געהאט נאך דריי טעכטער.

(ר' נחמן: זין האט ער נישט געהאט?) ער האט געהאט איין זון, ער פלעגט קומען אויף ראש השנה אלע יאר, א וואוילער יונגערמאן, מיט בארד און פיאות. ווער ווייסט וואו ער איז? מסתמא איז ער אומגעקומען דארט ביי היטלערן.

ער האט געהאט נאך אַן איידעם - אויך געווען זייער א וואוילער יונגערמאן, ער איז געווען ר' שמשון'ס (בארסקי) א שוואגער - זיין שוועסטער'ס א מאן. די שוועסטער איז אוועק, איז ער געבליבן אַן אלמן, און ער איז געווען א פארמעגליכער, האט ר' חיים אים גענומען אלס איידעם פאר זיין טאכטער - ער פלעגט אויך קומען אויף ראש השנה.

דאס איז דאך אלץ סיבובים והקדמות וואס דער אויבערשטער פירט. דער עיקר איז טאקע, דער ר' חיים - אַה, עס האט זיך נישט אנגעזעהן דאס ארעמקייט, ער איז געווען אזוי מקושר צום אויבערשטן, אזוי מקושר צום רבי'ן, דאס ארעמקייט האט זיך נישט אנגעזעהן!

אַוואו ער האט נאר געקענט - - ער האט זיך צוגעשלעפט עפעס א כזית צו וואס - און ווייטער געדינט דעם אויבערשטן! דאס (גשמיות) איז געווען א טפל שבטפל! וואס דער מענטש איז אביסל ווייטער איז אים די זאך (- דאס גשמיות) אַן עיקר.

דער רבי'נס ציון האט צוגעשמאלצן גוט, עס האט זיך געארבעט, עס האט גוט געארבעט!

(ר' נחמן: ר' חיים האט גארנישט געטוהן?) ניין.

(ר' נחמן: אייער שווער האט יא עפעס געטוהן די ערשטע צייט?) אייך וויים צו ער האט געטוהן? זיי האבן געטוהן אין אידישקייט!

(ר' נחמן: ער האט געזאגט: "ער גייט צום פריץ אלע טאג"...[יא]) יא, אונזערע לייט האבן אים אביסל תומך געווען. גוטע ארעמעלייט געווען.

ביים שווער אין שטוב איז געווען א פיר-פינעף בתולות[יב]. נאך וואס איך האב חתונה געהאט איז דער שווער נפטר געווארן.

ווען ר' משה טשענסטכאווער (גיסו של רלוי"צ, חתן ר' אהרן קיבליטשער) האט חתונה געהאט, האט דער שווער נאך דעמאלט געלעבט, אבער ער איז שוין געלעגן שלאַף. די חופה איז געווען אונטערן פענסטער, האט דער שווער ארויסגעקוקט און געזעהן די חופה. נישט לאנג דערויף איז דער שווער נסתלק געווארן.

ביי ר' הערש לייב'ן בין איך שוין געווען דער טאטע - דער שווער און די שוויגער -ביידע האבן שוין נישט געלעבט.

(ר' נחמן: זי איז אוועק באלד נאך אים?) אין איין יאר; דער שווער איז נפטר געווארן כ' אלול, און זי דעם אנדערן כ"ב סיון - ניין חדשים שפעטער.

די אלע דחקות'ן וואס עס איז דעמאלט געווען, דאס רעדט מען דאך נישט איצטער, מיר רעדן דאך נאר פון דעם עצם רעיון - פון דעם מענטש אליין. וואס איז מיר א נפקא

---

[יא] עיין שיש"ק ח"ד, אות של"ו: עָנִי מָרוּד הָיָה רַבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּבֵיתוֹ אֵין כֹּל, רִצְפַּת בֵּיתוֹ אַף לֹא מְרֻצֶּפֶת, הַשֻּׁלְחָן שֶׁבְּבֵיתוֹ מוּצְמָד לַקִּיר זָקוּף עַל שְׁנֵי רַגְלַיִם, וְכֵן שְׁאָר רָהִיטֵי הַבַּיִת, וְאַף עַל פִּי כֵן הָיָה נוֹהֵג לָצֵאת חוּץ לָעִיר לְהִתְבּוֹדְדוּת כִּמְעַט מִדֵּי יוֹם לְמֶשֶׁךְ כָּל הַיּוֹם אַף בְּיוֹם קַיִץ בְּמֶשֶׁךְ שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁעוֹת, וְזֹאת, לְאַחַר קוּמוֹ בַּחֲצוֹת, מִדֵּי לַיְלָה, בְּדִיּוּק בְּעֵת נְקוּדַת חֲצוֹת מַמָּשׁ, וּלְלֹא שָׁעוֹן, כִּי לְרֹב עֲנִיּוּתוֹ לֹא הָיָה לוֹ מָעוֹת אַף לִקְנִיַּת שָׁעוֹן. וְסִפֵּר רַבִּי לֵוִי יִצְחָק חֲתָנוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהָיָה חוֹתְנוֹ מֵעִירוֹ מִדֵּי לַיְלָה מְכֻוָּן מַמָּשׁ בְּעֵת חֲצוֹת כִּי לְרַבִּי לֵוִי יִצְחָק הָיָה שָׁעוֹן, וְאַחַר תְּפִלָּתוֹ אַחַר שֶׁאָכַל חֲתִיכַת לֶחֶם מְרוּחָה בְּשׁוּם, הָיָה מְצַחְצֵחַ אֶת נְעָלָיו כְּמֵכִין עַצְמוֹ לָלֶכֶת לְבַקֵּר אָדָם חָשׁוּב, וּכְשֶׁשָּׁאֲלָה אוֹתוֹ זוּגָתוֹ: רַבִּי אַהֲרֹן, לְהֵיכָן הִנְּךָ הוֹלֵךְ? הָיָה עוֹנֶה לָהּ, עֲסָקִים שׁוֹנִים יֵשׁ לִי אֵצֶל הַפָּרִיץ וְצָרִיךְ אֲנִי לִהְיוֹת אֶצְלוֹ לְרֶגֶל עִסּוּקַי. וְהָיְתָה בִּתְמִימוּתָהּ שׁוֹאֶלֶת אוֹתוֹ וְכִי כָּל יוֹם צָרִיךְ הִנְּךָ לָלֶכֶת לַפָּרִיץ? וְהָיָה לוֹקֵחַ עִמּוֹ סַל עִם סְפָרִים וְהוֹלֵךְ וּמִתְבּוֹדֵד בַּיְּעָרוֹת שֶׁבִּסְבִיבָה, וְכָךְ נָהַג רוֹב יָמָיו, עַד לְסוֹף יָמָיו מַמָּשׁ. גם עיין שם אותיות שמ"ב, שמ"ו.

[יב] וזכו כולן לבעלי תורה, מקורבים לרביז"ל, הלא הם: ר' נפתלי דובינסקי (זיוו"ר). ר' לוי יצחק בענדער. ר' משה טשענסטכאווער. ר' הערש לייב ליפל. ר' יהודה לייב סופר (מאותם שנשלחו ועקבותיו לא נודעו, גידולי הנחל).

**מינה וואספארא לעבן ער האט אפגעלעבט בגשמיות? דער עיקר איז דאך נאר ברוחניות וואספארא לעבן ער האט אפגעלעבט אין דעם עולם - די חצות'ן מיט - - - אוי אוי אוי!**

**וואס קענען מיר זיך אויסמאָלן וואספארא חשיבות דאס האט למעלה?! אַן ארעמאן, און ער איז אזוי נאנט צו די אלע עבודות - עס איז דאך געוואלדיג! עס איז דאך געוואלדיג געוואלדיג! עס רעש'ט דאך אויבן!**

**אז עס קומט אהינצו אַן ארעמאן, האט ער דארטן א חשיבות!; און אַן ארעמאן - און נאך א ברסלב'ער חסיד, און נאך אַן עובד ה', דאס איז דאך אוודאי דארטן** (א חשיבות!).

❖

## **"יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה'"**

**ברוך השם, כל זמן מען קומט זיך נאך צונויף, און מען איז נאך בחיים חיותו, דארף מען נישט אפלאזן דאס פארמעגן וואס מיר האבן! יעדן טאג און יעדע שעה איז א פארמעג! נאכאמאל אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן, און נאכאמאל! און די ספרים - דאס איז אונזער פארמעג!**

**מיר האבן א רבי'ן א בעל כח גדול - א גרויסער רבי! א גרויסער רבי!** (וואס ער זאגט:) **"דופעט אויף מיין כח!"**[יג].

**אז מענטשן ווילן גיין אין א מלחמה אריין,** (שואלים:) **'ווער פירט דער מלחמה? ווער איז דער שר צבא?'. מיר האבן א בעל כח גדול - 'גיי אין מלחמה! האב נישט קיין מורא! דו האסט אויף וועמען זיך צו פארלאזן! גיי!' - גיי צו צום רבי'נס זאך - דער אויבערשטער וועט העלפן!**

---

[יג] עלים לתרופה במכתב מיום ב' שלח תר"ג: "וְעַל כֻּלָּם כֹּחוֹ הַגָּדוֹל שֶׁאֵינוֹ נִפְסָק לְעוֹלָם שֶׁאָמַר בְּפֵרוּשׁ לְהִשָּׁעֵן עַל כֹּחוֹ, **דּוּפִּיט אוֹיף מַיין כֹּחַ**. לוּלֵא כָּל זֹאת כְּבָר אָבַדְנוּ בְּעָנְיֵנוּ וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב לוּלֵי תוֹרָתְךָ שַׁעֲשֻׁעָי וְכוּ'. וּכְתִיב זֹאת נֶחָמָתִי בְעָנְיִי כִּי אִמְרָתְךָ חִיָּתְנִי". גם עיין שם במכתב מיום א' וירא תקצ"ג; ובמכתב מיום א' קרח תר"ג, ובעוד כמה מקומות.

פארוואס איז שמחה אזוי גרויס? ווייל א מענטש אז ער איז צופרידן פון א זאך, איז דאס ניכר אין די שמחה; אז ער איז פרייליך, זעהט מען אז ער איז צופרידן פון דער זאך. אין דער התקרבות איז אויך דא דאס אייגענע, א מענטש אז ער איז פרייליך מיט דער התקרבות און דאס איז זיין חיות, איז דאס א סימן אז עס איז אים גוט!

"יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי ה'!" שמחה עפנט אויף אלעס - דאס מויל צו רעדן צום אויבערשטן, און דעם געדאנק! אלעס![יד]

❖ ❖ ❖

## גאר עפעס אַן אנדער אורח

(ר' נחמן: "ר' משה העניע'ס" - דאס איז דער וואס שטייט אין די בריוון פון רבי'ן "ר' משה בן העניע"?) **יא יא!**[טו]

(ר' נחמן: "ר' משה בהרב"[טז], דאס איז מסתמא יענער -) **יא, משה חינקעס.** (ר' נחמן: "משה הנהפך לשמחה"![יז]).

**אבער ער** (- ר' משה העניע'ס) **האט זיך געהאלטן, ער האט זיך געהאלטן שיין!**

(ר' נחמן: ער איז געווען א מחותן מיט ר' אהרן דער רב) **יא**[יח]**.**

(ר' נחמן: לויט ווי איר דערציילט איז ער געוועז א חשוב'ער איד - דער ר' משה העניע'ס) **א כלי! א כלי!**

---

[יד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י'.

[טו] מוזכר בשני מכתבים מרביז"ל הנדפסים בריש עלים לתרופה אשר כתב מזאסלאב.

[טז] גם הוא מוזכר שם.

[יז] כך מתארו מוהרנ"ת במכתביו. עיין עלים לתרופה במכתב מים ו' ערשב"ק מצורע תקצ"ה; יום ד' תצוה תקצ"ו.

[יח] עיין שיש"ק (ישן) ח"ג, אות רמ"ח: רַבִּי מֹשֶׁה הֶעֶנְיֶיעס זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הוּא רַבִּי מֹשֶׁה קְרַאסִינְשְׁטֵיין, תַּלְמִיד רַבֵּנוּ, נִקְרָא בְּכִנּוּי שֵׁם זֶה עַל שֵׁם אִמּוֹ, מָרַת הֶעְנְיָא. בְּנוֹ רַבִּי נַחְמָן הָיָה חֲתָנוֹ שֶׁל רַבִּי אַהֲרֹן, הָרַב מִבְּרֶסְלֶב, וְאָבִיו שֶׁל רַבִּי אַיְיזִיק קְרַאסִינְשְׁטֵיין - חֲתָנוֹ שֶׁל רַבִּי אַבְרָהָם צִפּוֹרָה'ס. וְנִפְטַר בִּשְׁנַת תרצ"ו.

ר' אייזיק קראסינשטיין איז געווען זיין אייניקל - זיין טאטן'ס טאטע.

דער ר' משה איז דאך געווען א גרויסער מכנים אורח, נאר ער פלעגט נישט רעדן מיט קיין אורח. ער האט גענומען אַן אורח, אים געגעבן, נאר רעדן מיטן אורח האט ער נישט גערעדט. עס איז געווען א חסרון דאס נישט רעדן מיט קיין אורח (כדלהלן).

איינמאל האט ער גענומען אַן אורח אויף די שבת סעודות, האט ער געזעהן אויף דערנאכט אז דאס איז עפעס אַן אנדערע זאך, דאס איז א חשוב'ער אורח. האט ער געטראכט - 'מיט דעם אורח וועל איך שוין רעדן - נאר מארגן אינדערפרי!'. אינדערפרי האט ער געזעהן אז עס איז עפעס א געוואלדיגער אורח - 'מיט דעם וועל איך שוין רעדן, נאר וואס דען - פארנאכט ביי שלש סעודות וועל איך רעדן מיט אים!'. עס קומט צו שלש סעודות, האט ער געזאגט, 'נו, מלוה מלכה וועל איך שוין רעדן מיט אים'. ביי מלוה מלכה איז אבער דער אורח שוין מער נישט געקומען...

איז ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן, ער האט דעם רבי'ן דערציילט דער זאך פון דעם אורח וואס ער האט געהאט אַן עגמת נפש (- שלא זכה לדבר עמו). האט דער רבי געזאגט: "ווען דו וואלסט ווען גערעדט מיט אנדערע אורחים, וואלסטו געהאט א זכיה צו רעדן מיט דעם אורח אויך; נאר דו האסט מיט אנדערע אורחים נישט גערעדט - האסטו נישט געהאט די זכיה צו רעדן מיט דעם אורח!".

(ר' נחמן: דער רבי האט אים געזאגט ווער עס איז געווען דער אורח?) ניין, דאס אליין איז שוין געזאגט - 'וואלסטו געהאט א זכיה צו רעדן מיט דעם אורח'.

(השואל: פארוואס דווקא מיט דעם אורח האט ער יא געוואלט רעדן?) ער האט געזעהן אז עס איז עפעס א גדול, ער האט דערקענט אויף דעם אורח אז דאס איז עפעס אַן אנדער מענטש.

❖ ❖ ❖

## 'חכמים הזהרו בדבריכם'

(נכנסים בשיחה אודות האחריות והזהירות הצריכה להדפיס שיחות ועובדות לרבים) מען דארף זיין אַן 'ערום ביראה' - מען דארף וויסן וואס צו דרוקן און וואס נישט. עס איז דא אַן ענין צו האבן א מין הבחנה - מבחין זיין אין א דיבור.

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט דאך אז עס איז בעסער צו זיין א 'פתי יאמין'[יט]?) הער זיך איין; גלויבן אלעס, אבער נישט אפדרוקן. מען רעדט אמאל א דיבור - אפגערעדט און שוין; אבער דאס אפדרוקן?! וואס צו אפדרוקן דארף מען זיין זייער פארזיכטיג, עס גייט ארום אומעטום, עס קען אמאל זיין איינער וואס ער ווערט נתעורר - און פון איין נארישן דיבור זאל ער נתרחק ווערן. אפדרוקן איז א געוואלדיגער אחריות.

נו, דער רבי איז אזוי גרויס, אפילו דאס וועט ער אויך קענען איבערקומען...

❖ ❖ ❖

## זמני עלות השחר וצאת הכוכבים באומאן

[מכאן ולהלן היא שיחות בדרך חזרתו מביהמ"ד לביתו]

עס שטייט פון בעל שם הקדוש, פון ותיקין איז א חילוק (ביז נישט ותיקין) 'כרחוק מזרח ממערב'[כ]. על-פי הלכה איז דאס דער לכתחילה[כא].

---

[יט] שיחות הר"ן אות ק"ג.

[כ] עיין צוואת הריב"ש אות ט"ז: וכגון דא צריך להודיע להרגיל בחצות לילה ולכל הפחות יזהר להיות התפלה בין בקיץ בין בחורף קודם הנץ החמה דהיינו שיהיה רוב התפלה עד קרוב לקריאת שמע קודם הנץ, **והחילוק בין קודם הנץ בין לאחר הנץ כרחוק מזרח ממערב** כי אז עדיין יכולין לבטל, כל הדינים כי כשהחמה יוצאת אזי כל הכרוזים יוצאים הן לטב הן לביש וקודם שהכרוז יוצא יכולים לבטל, וסימנך והוא כחתן יוצא מחופתו ישיש כגבור וכו' ואין נסתר מחמתו אל תקרי מחמתו אלא מחימתו כלומר כשכבר השמש יצא על הארץ אז אין נסתר מהדינים הבאים ממלאכי חימה **ע"כ אל יהא דבר זה קטן בעיניך כי גדול הוא**, ובעל שם ז"ל היה מדקדק גדול על זה ולפעמים כשהיה עת שלא היה לו מנין היה מתפלל ביחיד.

[כא] שו"ע או"ח סי' פ"ט, סעי' א'.

נאר וואס דען, ותיקין דארף מען אנהויבן (געגוג פרי).

'ותיקין' האבן מיר אנגעהויבן 'הודו' - האבן מיר געהאט א שעה און צוועלף מינוט פון 'הודו ביז שמונה עשרה' (בימות החול)! מען האט געקענט דאווענען מילה במילה, מיר האבן געדאוונט ותיקין אין אומאן, עס איז געווען געוואלדיג!

(ר' משה בינענשטאק: ווען האט מען אנגעהויבן קרבנות?) נאך פריער - פון דעם עלות השחר מעג מען דאך שוין זאגן קרבנות.

(ר' משה: ביינאכט איז אויך געווען אזוי פיל צייט פון די שקיעה ביז צאת הכוכבים?) ביינאכט איז אויך דארט א געוואלד, פון די שקיעה ביז צאת הכוכבים איז דא צייטן וואס עס איז דא אנדערהאלבן שעה, און עס איז דא צייטן וואס עס איז צוויי און זיבעציג מינוט, צו פינעף און זיבעציג - א שעה מיט א פערטל, צו אנדערהאלבן שעה אויך. מען פלעגט בענטשן לעכט פאר די שקיעה - צוועלף מינוט, עס איז כמעט אויסגעקומען דארטן צו בענטשן לעכט פאר צאת הכוכבים מיט א צוויי שעה פריער - א שעה מיט פופציג מינוט.

בשעת מען איז אריינגעקומען אין שול אריין האט מען געדאוונט א מנחה מיט א קבלת שבת, מען האט נישט איבערגעהאקט - מען האט געדאוונט גלייך (מעריב). אז עס האט זיך געמאכט אז עס איז נאך געווען צו פרי, האט מען אויסגערופן גלייך נאכן דאווענען אז מען זאל זאגן נאכאמאל קריאת שמע.

❖ ❖ ❖

## אויסגעברענט די אויגן

(אחד הנוכחים: בשעת הפרשת חלה פלעגט מען מתפלל זיין און מאכן תפילות?) יא יא, די ווייבער האבן געמאכט אייגענע תפילות - פארן לעכט בענטשן האט מען געמאכט תפילות,

פארן חלה נעמען האט מען געמאכט תפילות[כב]. על פי רוב פלעגט מען אליין באקן חלות; און מצה אליין געבאקן; יעדער איינער האט געהאט אין שטוב א באק אויוון.

דאס איז אלץ געווען איידער די ימח שמם'ס (- קאמוניסטן) זענען געווארן די מנהיגים. אז זיי זענען געווארן, איז נישט געווען קיין כזית ברויט אויף שבת, ממילא איז דאך נישט געווען וואס צו רעדן. אבער אזוי, אלע צייטן פריער, האט מען געבאקן אויף שבת, און מען פלעגט זאגן תפילות - א גאנץ געשעפט.

רבי משה לייב סאסוב'ער אין די עלטערע יארן האט ער נישט געזעהן, האט ער געזאגט, 'עס ווערט געבראכט, יעדעס מאל וואס מען זאגט 'לכבוד שבת' - באשאפט מען א מלאך! און אז זיין רעבעצין פלעגט קויפן די מעל (אמרה:) 'לכבוד שבת', זי האט געזופט די מעל - 'לכבוד שבת', זי פלעגט קנעטן - 'לכבוד שבת', נעמען חלה - 'לכבוד שבת'!'; "איז אזויפיל מלאכים דא אין שטוב - האבן זיי מיר אויסגעבערענט די אויגן - זעה איך נישט!"[כג].

❖ ❖ ❖

## איסור כלי זמר בחתונות בירושלים

(אחד הנוכחים: רבי נתן ברענגט אין ליקוטי הלכות אז מען פירט זיך בחיוב גדול אז עס זאל זיין כלי זמר אויף א חתונה!) **יא יא, אוודאי!**[כד]

דא איז דא אזעלכע פון די אמאליגע אידן וואס פארן ארויס פון ירושלים - זיי ווילן נישט מאכן קיין חתונה אין ירושלים, ווייל אין ירושלים טאר נישט זיין קיין קלעזמער.

---

[כב] עיין ליקוטי הלכות הל' חלה ה"א: **וְעַל כֵּן נוֹהֲגִין לְהִתְפַּלֵּל בִּשְׁעַת הַפְרָשַׁת חַלָּה**, כִּי הַחַלָּה הִיא בִּבְחִינַת תְּפִלָּה.

[כג] ובשיש"ק (חדש) ח"ג, אות תנ"א, מובא שם על זה: וכשספרו מעשה זה למוהרנ"ת, הפטיר ואמר: **"אזוי איז! אזוי איז! פון יעדן 'לכבוד שבת' ווערט באשאפן א מלאך!"**.

[כד] ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג, אות ד': **עַל כֵּן נוֹהֲגִין לְחִיּוּב גָּדוֹל שֶׁיִּהְיֶה כְּלֵי זֶמֶר עַל הַחֲתֻנָּה**, וכו' עיין שם.

(ר' משה: דא איז דאך נישט ירושלים [- אלט שטאט]?) **דא** (- ירושלים החדשה) **איז אויך ירושלים; בשעת זיי האבן געמאכט דעם חרם, האבן זיי געמאכט אויף דא אויך**[כה].

**ווען איך וויים ווען אז זיי האבן דארטן** (כלי זמר) **וואלט איך נישט געגאנגען צו דער חתונה; אַן איסור פון** (אזעלכע גדולים) **איז עפעס א קלייניקייט?!**[כו]

❖ ❖ ❖

(השואל: דער רבי האט מסדר קידושין געווען?) **אַך!**

(רבי נתן אויך נישט!) **אַך, 'ווען-וואס'!**

**ס'איז וועלט מעשה'ס; זיי, די אונגארישע רבי'ס האבן** (געהאט) **אלע כיבודים - אלעס.** (ר' משה: די פוילישע?) **ניין, זיי פלעגן גארנישט גיין קיינמאל צו קיין חופה, זיי זענען געזעצן אין שטוב און געדינט דעם אויבערשטן און שוין.**

❖ ❖ ❖

(השואל: רבי נתן ברענגט עפעס אזא מנהג אז מען פלעכט די האר פון א כלה, און פאר די חופה פלעגט מען דאס אפשערן) **מען האט זיך אזוי געפירט, אמאל איז געווען אזא מנהג אז פאר די**

---

[כה] כך היה מקובל לתושבי ירושלים מקדמת דנא. ולחזק הענין יצא קול קורא ומכתב בשנת תשל"ג מעת הביד"צ העדה"ח בחתימת יד קדשם של הביד"צ בראשות מרנן בעל המנחת יצחק, הרמ"א פריינד, הרי"מ דושינסקיא, הגר"א זלוטניק, זצוק"ל, שהאיסור כולל גם את ירושלים החדשה כפי שנפסק ע"י מרן הגרי"ל דיסקין והתורת חסד והגרי"ח זוננפעלד זיע"א.

[כו] הגאון רבי מאיר אוירבאך זצ"ל בעמ"ס אמרי בינה תיקון גזירה זו, ונצטרפו עמו גדולי הדור, ותיקנו מחמת שני טעמים, א' כיון דחורבן הבית עומד נגד עינינו, ב' דנפיק מיניה תקלה בעניני צניעות שיכולין לבוא לידי תערובות, וגדולי הדור שבשעתו הסכימו עם גזירה זו ואסרוהו בכל תוקף, וביניהם הגאונים, מהרי"ל דיסקין, רבי יעקב אטלינגער בעל ערוך לנר, רבי חיים מבריסק, רבי יוסף חיים זאנענפעלד, רבי אברהם מטשעכנוב, רבי שמעון סופר, רבי יצחק אלחנן מקובנא, רבי ישראל זאב מינצבערג בעמ"ס שארית ישראל זצ"ל ועוד; עיין בשו"ת שלמת חיים (- להגרי"ח זוננפעלד; ענינים שונים, סי' ק"א וק"ב).

חופה פלעגט מען אויפפלעכטן די האר - די האר זאל זיין צעשפרייט, און נאך די חופה - אפגעשוירן[כז].

(כאן נכנסים הנוכחים בשיחה בענין שיעור קציצת שיער האשה [עיין דרכי תשובה סימן קפ"ב ס"ק י"ב; ושם סימן קצ"ח ס"ק צ"א בסופו]).

## תיקון חצות עם חירות המוחין

(השואל: רבי נתן ברענגט אז ביי תיקון חצות טוהט מען אויס די שיך; מען פירט זיך אזוי?) **מען פלעגט זיך נישט אוועקזעצן אויף דער ערד.**

(ר' משה: פארוואס האט מען נישט מקפיד געווען טאקע?) **איך וויים נישט פארוואס, מען האט געוואלט האבן מער נייחא, מער חירות** (המוחין)**; אז מען זיצט ביים טיש קען מען מער האבן** (ישוב הדעת)**, עס איז אים בעסער, עס איז אים ליכטיגער; אז מען זיצט אויף דער ערד איז דער מח נישט אזוי בחירות.**

**אזוי ווי ביי אַן אבל - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, אז ער זיצט אויף דער ערד איז אים שווערער, האט ער נישט דעם חירות המוחין. טאקע שוואכע מענטשן איז מען זיי מתיר זיי זאל זיצן אביסל העכער. דאס איז אויך דאס אייגענע; איך האב געזעהן דארטן די אלע גרויסע עובדים אונזערע, ר' נאשקע[כח], אלע, זענען געזעצן ביים טיש.**

---

[כז] עיין ליקוטי הלכות הל' קידושין ה"א: **וְזֶהוּ שֶׁקּוֹלְעִין שַׂעֲרוֹת הַכַּלָּה, וְאַחַר כָּךְ קוֹצְצִין אוֹתָם בְּעֵת הַנִּשּׂוּאִין קֹדֶם הַחֻפָּה** בִּבְחִינַת שֶׁקְּלָעָהּ לְחַוָּה בִּבְחִינַת שְׂעָרוֹת קְלוּעִים, כַּמּוּבָא שָׁם. וְעַל כֵּן מִתְּחִלָּה הוֹלְכוֹת פְּרוּעוֹת רֹאשׁ וּבְיוֹתֵר קֹדֶם הַכִּסּוּי שֶׁמְּכַסִּין רֹאשָׁהּ פּוֹרְעִין שַׂעֲרוֹתֶיהָ, וְכַמְרֻמָּז בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה יוֹצֵאת בְּהִינוּמָא וְרֹאשָׁהּ פָּרוּעַ, כִּי מִתְּחִלָּה יֵשׁ לָהֶם יְנִיקָה וְצָרִיךְ לִתֵּן לָהֶם יְנִיקָתָם, וְעַל כֵּן בִּתְחִלַּת הַחֲזָרַת הַכָּבוֹד, הַיְנוּ בְּהַתְחָלַת הַנִּשּׂוּאִין קוֹלְעִין שַׂעֲרוֹתֶיהָ כְּדֵי שֶׁיִּנְקוּ כָּל הַמּוֹתָרוֹת בִּבְחִינַת שְׂעָרוֹת קְלוּעִים, **וְעַל כֵּן פּוֹרְעִין הַשְּׂעָרוֹת כְּדֵי שֶׁיִּנְקוּ וְיִגְמְרוּ לְהוֹצִיא כָּל הַמּוֹתָרוֹת, וְאַחַר כָּךְ קוֹצְצִין אוֹתָם לְגַמְרֵי,** כִּי אֲזַי הוּא מַפַּלְתָּם בִּבְחִינַת וְאֶת נֶפֶשׁ אֹיְבַיִךְ יְקַלְּעֶנָּה וְכוּ', וְאַחַר כָּךְ צְרִיכָה לֵילֵךְ תָּמִיד בְּכִסּוּי הָרֹאשׁ, כִּי אַחַר כָּךְ אָסוּר לִתֵּן לָהֶם יְנִיקָה חַס וְשָׁלוֹם, עַיֵּן כָּל זֶה בְּמַאֲמָר הַנַּ"ל.

[כח] ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

(ר' משה: אייער שווער?) **דער שווער האט געהאט דארטן אַן אויוון - אויף דעם פּיעקעלעק-אויוון איז ער געזעצן.**

❖ ❖ ❖

(חסר, מדברים ע"פ ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ג) **די חברה קדישא פלעגן אויסשרייען: "צדקה תציל ממות", און זיי פלעגן ארומגיין מאכן געלט - פאר די ארעמעלייט האט מען געגעבן געלט.**

**א גאנצע וואך איז מען מצמצם אין די הוצאות, אויף שבת איז מען מרבה בהוצאות, לכבוד שבת - מער מאכלים, מער פירות, דאס איז אויך אַן ענין פון 'אמונה מאד'![כט] דער עיקר איז - מרבה זיין מיט צדקה, מרבה זיין צדקה מיטן געלט, דאס איז דער עיקר!**

❖ ❖ ❖

## 'הרחק מן הפקדונות'

(השואל: רבי נתן זאגט: "צריכין להתרחק מלקבל פקדונות של אחרים") **אוודאי[ל]; עס איז א מאמר חז"ל[לא]: "הרחק מן הפקדונות ומן הערבונות".**

**איינמאל איז געווען, איינער איז אוועקגעפארן און געלאזט ביי דעם אנדערן א פקדון, יענער האט נישט געקוקט וואס דארטן ליגט - א פארמאכט קעסטל, אוועקגעלייגט און שוין. יענער איז געפארן אויף חוץ לארץ אויף א שטיק צייט, עטליכע חדשים. ווען**

---

[כט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ג, אות ה': וְכָל הַמִּצְווֹת שֶׁאָדָם עוֹשֶׂה אוֹתָם בְּלֹא מָמוֹן, הַיְנוּ שֶׁאֵין רוֹצֶה לְהַפְסִיד מָמוֹן בִּשְׁבִיל הַמִּצְוָה, זֶה הַבְּחִינָה נִקְרָא צֶדֶק, וְזֶה בְּוִית צֶדֶק עֵדֹתֶיךָ. אֲבָל כְּשֶׁחָבִיב כָּל כָּךְ הַמִּצְוָה, עַד שֶׁאֵין מַרְגִּישׁ בְּהֶפְסֵד מָמוֹן, זֹאת הַבְּחִינָה נִקְרָא אֱמוּנָה. כִּי עִקַּר אֱמוּנָה הוּא בְּמָמוֹן, כְּשֶׁמְּשַׁבֵּר תַּאֲוַת מָמוֹן כַּנַּ"ל, שֶׁשָּׁם פָּנִים דִּקְדֻשָּׁה. וְזֶה **אֱמוּנָה מְאֹד**, זֶה מָמוֹן כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ו): "וּבְכָל מְאֹדֶךָ" (בְּרָכוֹת נ"ד). ועיין בס' יקרא דשבתא שם.

[ל] ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י"ד: וְעַל כֵּן קָשֶׁה עַל הָאָדָם לִשְׁמֹר אֲפִלּוּ חֶפְצֵי עַצְמוֹ, מִכָּל שֶׁכֵּן **שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְרַחֵק מִלְּקַבֵּל עָלָיו שְׁמִירַת פִּקְדוֹנוֹת שֶׁל אֲחֵרִים.**

[לא] יבמות קט.

יענער איז געקומען צופארן צוריק און ביי אים צוריק אפגענומען דאס קעסטל, איז ער געקומען אהיים, זאגט ער - 'עס פעלט פון דאס קעסטל!' - עפעס א חשוב'ע זאך האט געפעלט. זאגט יענער - 'איך וויים נישט; דו האסט מיר געגעבן א פארמאכט קעסטל - איך גיב דיר צוריק דאס פארמאכטן קעסטל!'.

די עוולה איז געווען פון דעם נפקד; אז דער נפקד נעמט ביי יענעם א קעסטל, זאל ער זעהן וואס דארטן ליגט.

געוואלד, עס איז געווען אזעלכע מעשה'ס, עס האט זיך געטוהן א געוואלד, דער מפקיד האט דעם נפקד צובלוטיגט; איך האב געזעהן אז דער נפקד איז גארנישט חייב. איך האב דעם נפקד געזאגט: "פארוואס האסטו נישט געקוקט פריער, ווי מעגסטו נעמען א פקדון אז דו ווייסט נישט וואס דארטן ליגט?!" - אבער דו קענסט אים דאך גארנישט מחייב זיין.

דער נפקד האט ארויסגענומען און אים געגעבן עפעס א סכום, האט דער מפקיד געזאגט: "אה, זעהסטו - ער גיט, מסתמא ווייסט ער אז ער דארף געבן!".

דער נפקד האט געגאסן טרערן - ער ווייסט פון גארנישט! מען האט געזעהן - עס איז געווען 'ניכרין דברי אמת' אז ער ווייסט גארנישט.

צום סוף איז געווארן, דער מפקיד האט אזא מין קלאפ געכאפט מן השמים, ער האט עטליכע יאר געליטן פון דעם קלאפ, ער האט זיך נישט אנגעשטויסן וואס דאס איז, נאר איך האב זיך אנגעשטויסן אז דאס איז דאס - נעמען א יונגערמאן, אים מבזה געווען אומזיסט, חושד געווען אומזיסט.

עס איז געווען א געוואלד, עס האט זיך אזוינס געטוהן.

❖ ❖ ❖

# אויסגעדרייט דאס פנים

(השואל: רבי נתן האט געזאגט אפילו צו ר' נחמן טולטשינער, אז ווען ער איז נישט אין שטוב -) "ווען ער איז נישטא זאל מען זיך נישט דרייען ביי אים אין שטוב!".

(ר' משה: עס איז געווען עפעס מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס, מיט א מיידל פון דריי יאר, ביי וועמען איז דאס געווען?) ביי ר' נחמן חזן (נעמיראווער). דאס מיידעלע איז געווען אין שטוב, און ער איז אוועקגעגאנגען דארטן - ער איז דאך געווען א מזכיר דארטן. איז געבליבן דאס מיידעלע אין שטוב. פון די דריי יאר הויבט זיך אָן 'איסור יחוד' על פי שלחן ערוך[לב].

ר' אברהם האט זיך אויפגעהויבן גלייך און אוועקגעגאנגען צו אים, ער האט געוואוסט וואו ער האט געארבעט דארטן, (וקָבל לפניו:) "נישט מער נאר דו לאזט מיר איבער מיט דיין מיידל?!".

זאגט ער אים: "ר' אברהם, עס איז דאך א קליין קינד!". (ענה לו:) "עס איז אזעלכע מעשיות שוין געווען".

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט צו רחל'ען (אחותו): "מנע רבים מתוך בֵּיתֵךְ"[לג].

די אלע הכנסת אורחים וואס עס איז געווען אמאל איז נאר געווען מענער.

איר מאן האט געהייסן ר' יחיאל. אז זי פלעגט אפבאקן אַן אויוון מיט ברויט, ביז ער איז געקומען איז שוין גארנישט געווען פון די ברויטן... - עס איז אריינגעקומען די חברה - מען האט אויפגעגעסן די ברויטן.

מען האט איר גערופן: "די מוטער רחל!".

---

[לב] שו"ע אהע"ז סי' כ"ב סעי' י"א.

[לג] יבמות סג:

זי איז געווען א געוואלדיגע אשה יראת ה', זי איז געווען אַן אשה צנועה ויראת ה', ממש אַן "אשה יראת ה' היא תתהלל", נאר עס איז געווען צופיל אָן א מאס. זי איז געווען ר' נחמן'ס (טולטשינער) א טאכטער.

בשעת זי איז געווען שלאַף האט מען אריינגעבראכט א דאקטער אין שטוב אריין. האט זי זיך אויסגעדרייט דאס פנים צו דער וואנט - "מען טאר נישט אנקוקן אייער פנים!" (תמה הדאקטער:) "וועגן וואס האסטו מיר געבראכט?" - "איך האב אייך נישט געבראכט!" - זי האט אפילו נישט אויסגעדרייט דאס פנים צו אים - 'אסור להסתכל'!

❖

## נישט געוואלט היילן דעם קראנקן

(ר' משה: ר' אלי' חיים דערציילט, אמאל האט מען געברענגט א דאקטער, האט ער געפרעגט: "איז געווען ביז היינט א דאקטער?") ביי ר' נאשקע איז דאס געווען - ר' נאשקע איז געלעגן אין טולטשין שלאַף אויף דער ברושנוי-טיף (- בויך טיפוס) - עפעס א געוואלדיגע קראנקייט.

געדענק איך, פרייטאג פארנאכט איז אנגעקומען א טעלעגראם קיין אומאן פאר ליכט בענטשן, עס איז אים דעמאלט געווען זייער שלעכט, מען האט געדאוונט זייער געשמאק, אים אינזינען געהאט ביים דאווענען, ביי מנחה, ביי מעריב. איך בין געלאפן צום ציון, נאכדעם בין איך געווען ביי אים מבקר חולה זיין.

האט ער דערציילט, עס איז אים געווען זייער שלעכט, האט ר' פיניע דער דיין[לד] - דער רב, גערופן א דאקטער. ער איז זייער גוט געווען מיט אונז; ער האט קיינעם נישט געפרעגט, ער האט גערופן א דאקטער.

דער דיין האט זיך אנגערופן: "ער האט שוין יוצא געווען זיינס!" - אז ער האט ביז איצטער נישט גערופן - האט ער שוין יוצא געווען.

---

[לד] ר' פיניע דיין מטולטשין, מידידי ר' ניאשקע. שמו המלא: הרב פנחס בלעכמאן, הי"ד. (ראה אודותיו: 'שלהבת בכפור' עמ' 33-34, 70, 522).

(ר' משה: ער האט יוצא געווען דער אזהרה פון רבי'ן?) **יא!**[לה] **האט דער דיין גערופן א דאקטער. ער קומט אריין - דער דאקטער - אַן עלטערער מענטש געווען, ער הויבט אָן אויספרעגן דעם קראנקן - "ער איז שוין פיר וואכן קראנק" - "ווער איז שוין דא געווען?" - "קיינער נישט!",** (ענה:) **"קיינער איז נישט געווען - זאל ווייטער קיינער נישט זיין!" - און ער איז אוועקגעגאנגען.**

**"אז קיינער איז נישט געווען, פארוואס רופסטו מיר איצטער יא?! ווער עס האט אים געהאלפן ביז יעצט, וועט אים ווייטער העלפן!".**

**עס איז טאקע אזוי געווען. דער דאקטער איז אוועקגעגאנגען, איז ער באלד געזונט געווארן...**

**דער ברושנוי-טיף - דאס איז געווען אזא מין סארט טיף וואס איינס פון טויזנט דרייט זיך ארויס צו בלייבן לעבן - אזא געוואלדיגער קראנקייט איז דאס. די רוסישע ווייסן וואס דאס מיינט.**

**מען האט קיינעם נישט גערופן. אז מען האט געזעהן אז עס איז שוין שלעכט, האט שוין דער דיין אליין געבראכט א דאקטער.**

(ר' משה: וואס האט מען געטוהן למשל אז עס האט זיך צעבראכן חלילה א האנט, א פוס, און מען דארף א גיפס?) **אַן אויסעוויינִיגסטע זאך האט מען יא עפעס געטוהן. אבער די מחמירים האבן דאס אויך נישט געטוהן; איך ווייס? מען האט געטוהן באבסקע רפואות, אליין דארט געבונדן...**

❖ ❖ ❖

---

[לה] עיין שיחות הר"ן אות נ'.

(אחד הנוכחים: רבי נתן ברענגט[לו], עס איז גוט צו אנטלויפן מדינא ודיינא אפילו מען פארלירט געלט, אפילו יענער איז טאקע שולדיג זאל מען בעסער מוותר זיין - אבי נישט אנקומען צו 'דינא ודיינא') **עס איז א גמרא - 'וויפיל איך האב דערוועגט אז איך זאל נישט אנקומען צו דינא ודיינא'.**

(אחד הנוכחים: איר געדענקט עפעס א עובדא וועגן דעם?) **מען האט זיך דערווייטערט פון די משפטים. מען פלעגט זיך דורכקומען צווישן זיך - און שוין.**

❖ ❖ ❖

## נישטא קיין קליידל צו דער חתונה

(ר' משה: איר האט אמאל דערציילט וועגן ר' מאיר לייב בלעכער, אז זיין טאכטער האט נישט געהאט קיין קליידל אויף דער חתונה, האט ער געזונגען דעם "עוז והדר לבושה"?) **יא, אזוי האט מען דערציילט, [אבער נאכדעם נעמט מען עס איבער אויפן רבי'ן - דאס ווייס איך נישט].**

**ער איז געווען אַן ארעמאן, ער האט נישט געהאט פאר א קליידל. נאכדעם איז געווארן א קלייד - דעם לעצטן טאג.**

(ר' משה: און ווען האט ער געזונגען דעם "עוז והדר"?) **אין דעם טאג וואס עס איז געווארן דאס קליידל האט ער דאס געזונגען.**

(ר' משה: אה, נישט אז וויבאלד זי האט נישט געהאט האט ער איר געוואלט בארואיגן - האט ער איר געזונגען דעם "עוז והדר"?), **ניין, זי האט נישט געהאט קיין קליידל צו דער חתונה, ר' מאיר לייב איז געווען אַן ארעמאן, און נאכדעם איז עפעס געווארן - אונזערע לייט האבן געגעבן צו וואס - האט זי באקומען א קליידל צו דער חתונה. ער איז געווען זייער א פרייליכער, האט ער געזונגען דעם ניגון "עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון"; אין דעם יום אחרון איז געווארן א קליידל - צו דער חופה.**

---

[לו] ליקוטי הלכות הל 'נזיקין ה"ד, אות ל"ב: **וַאֲפִלּוּ אִם הוּא בְּאֹפֶן שֶׁחֲבֵרוֹ יִתְחַיֵּב בְּדִין טוֹב יוֹתֵר לִבְרֹחַ מִדִּינָא וְדַיְּנָא** וְיַמְתִּין הוּא בִּמְקוֹמוֹ וִיוַתֵּר לַחֲבֵרוֹ שֶׁיֵּלֵךְ תְּחִלָּה כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי רִיב וְדִין וּמַחֲלֹקֶת. כִּי טוֹב לִסְבֹּל אֵיזֶה מְנִיעַת רֶוַח אוֹ אֵיזֶה הֶפְסֵד מִלָּבוֹא לִידֵי מַחֲלֹקֶת שֶׁיַּפְסִידוּ הַרְבֵּה יוֹתֵר בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

(ר' משה: איז דעמאלט האט ער מחבר געווען דעם ניגון?) איך וויים נישט; 'דעמאלט האט ער געזונגען דעם ניגון'; און איך וויים צו ער האט איר געזונגען פאר איר?! - ער האט אזוי געזונגען דעם ניגון!

עס איז נישט געווען - און עס איז געווארן, "ותשחק ליום אחרון"; עס איז דא אסאך יום אחרון'ס, א יום החופה, און דער יום אחרון איז דער יום אחרון.

❖ ❖ ❖

## ער קען אויך עפענען די אויגן פארמאכטערהייט...

[מער ווייטערע און פרייע חברה' האבן געמאכט אַן 'ערב לחסידות' - א נאכט פאר חסידות - רעדן וועגן ברסלב. און זיי האבן איינגעלאדנט און געוואלט אז עטליכע יונגעלייט מאנ"ש זאלן קומען דארטן רעדן פון רבי'ן; די נוכחים רעדן וועגן דעם]

עס פאסט גארנישט פאר אונז די גאנצע זאך, געשעפטן, גאנצע מעשה'ס.

אַך, דער בעל דבר וויל עפעס ארייג'גנב'ענען ביי אונז אביסעלע פון פרעמדע זאכן וואס איז נישט שייכות צו אונז. אזוי ווי עס שטייט דארטן[לז]: "כְּלֵי חָמָס מְכֵרֹתֵיהֶם", זאגט רש"י דארטן - עס איז גע'גנב'עט פון עשיו'ן, דאס איז נישט אייער זאך. אונזער זאך איז נישט דאס, די שווערד איז גע'גנב'ט פון עשיו'ן - אזוי האט יעקב אבינו געזאגט צו שמעון ולוי.

די זאכן וואס מען מאכט איצטער, גנב'ענען מיר ביי פרעמדע, דאס איז נישט אונזער'ס - מעשה'ס, מיט געשעפטן.

מען וויל עפעס ארייַנשלעפן צו אונז עפעס מנהגים פון חב"ד, פרעמדע זאכענישן, ארייַנשלעפן צו אונז אויך וואס עס איז גארנישט שייכות צו אונז.

---

[לז] בראשית מט, ה.

(ר' משה: זיי האבן געזונגען מיט פארמאכטע אויגן...) **דער בעל דבר עפנט אויף די אויגן פארמאכטערהייט אויך...**

**ער האט א חכמה אז ער קען עפענען די אויגן כאטש דו האלסט עם פארמאכט...**[לח]

(ר' משה: זיי זענען געווען גרייט מיר זאלן עם פירן אויך - אזוי ווי מיר ווילן. למשל, מיר זאל זיין די איינציגסטע רעדנערס דארטן, רעדן וואס מיר ווילן; ווואלט עס יא געווען גלייך?) **אויך נישט, אויך נישט, אינגאנצן דער נאמען פון דער זאך איז נישט שייך צו אונז, אונזערע עלטערן האבן דאס אויך נישט געטוהן - מיר זעהען דאך, די עלטערע חסידים כאפן זיך נישט דערצו.**

❖ ❖ ❖

## אפגעווען ביים ציון גאנצע טעג און נעכט...

(נכנסים בשיחה אודות ר' שמואל הורביץ ז"ל) **ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד! ווען ער איז געווען אין אומאן איז געווען געוואלדיג! אזוי ווי ער איז געווען אין אומאן איז נישט שכיח - טאג און נאכט - גאנצע נעכט און גאנצע טעג געווען ביים רבי'ן אויפן ציון! ער פלעגט זאגן, 'אז ער גייט ארויס פון דעם רבי'נס ציון, פילט ער חוץ לארץ; ביים רבי'נס ציון פילט ער אז ער איז אין ארץ ישראל!'**[לט].

---

[לח] עיין ליקוטי עצות ערך 'מחשבות והרהורים' (ע"פ ליקו"מ סי' רמ"ב): הִרְהוּרֵי נִאוּף הֵם אֲבִי אֲבוֹת הַטֻּמְאָה, בְּחִינַת טֻמְאַת מֵת, וּצְדָקָה מַצֶּלֶת מֵהֶם. וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אָסוּר לִסְמֹךְ עַל זֶה וּלְהַרְבּוֹת שִׂיחָה עִם הַנָּשִׁים חַס וְשָׁלוֹם, רַק מַה שֶּׁמֻּכְרָח לְדַבֵּר עִמָּהֶם אֵינוֹ מַזִּיק לוֹ עַל־יְדֵי זְכוּת וְכֹחַ הַצְּדָקָה. יֵשׁ הִרְהוּרִים שֶׁנִּמְשָׁכִין מִקְּלִפָּה כָּזֹאת **שֶׁקָּשֶׁה מְאֹד לְהִנָּצֵל מֵהֶם, וְאַף אִם יַעֲצִים עֵינָיו**, אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה מִזְדַּמְּנִים לוֹ, וּצְדָקָה מַצֶּלֶת מֵהֶם.

[לט] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ט: סִפֵּר עִמִּי מֵעִנְיַן קֶבֶר הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב מְאֹד לִהְיוֹת שָׁם עַל קִבְרוֹ. וְאָמַר כִּי "צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ" (תְּהִלִּים ל"ז), הַיְנוּ שֶׁהַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים יוֹרְשִׁים אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁזּוֹכִין **שֶׁמְּקוֹם גְּנִיזָתָם הוּא קָדוֹשׁ בִּקְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַמָּשׁ**, וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא תִּקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית. גם עיין ליקוטי הלכות הל' חלב ודם ה"ג, אות ז': **מְקוֹם הַקֶּבֶר שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, בִּבְחִינַת צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ, שֶׁהַצַּדִּיקִים זוֹכִין לִירַשׁ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּמְקוֹם קְבוּרָתָם. **וּכְמוֹ שֶׁמְּסַפְּרִין הָעוֹלָם בְּשֵׁם הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁאָמַר, שֶׁפָּעַל אֵצֶל ה' יִתְבָּרַךְ שֶׁמְּקוֹם קְבוּרָתוֹ יִהְיֶה בְּחִינַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**. וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֲוִיר הַנָּח וְהַזַּךְ כַּנַּ"ל. **וְעַל כֵּן מְסֻגָּל**

**איך ווייס נישט ווען ער איז געשלאפן, ווען ער האט געגעסן, טאג און נאכט געלעגן ביים רבי'ן אויפן ציון! איך האב נאך אזא מענטש נישט געזעהן - אזוי פיל זיך ווייקן ביים רבי'ן אויפן ציון ווי ער האט זיך געוווייקט - א גדול, ממש א גדול!**

---

**שָׁם מְאֹד בִּמְקוֹם קֶבֶר הַצַּדִּיק הָאֱמֶת לְעוֹרֵר לִבּוֹ, לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ הֵיטֵב הֵיטֵב מַה הוּא עוֹשֶׂה בָּעוֹלָם הַזֶּה. וּלְהַזְכִּיר אֶת הַטּוֹב הַכָּבוּשׁ אֶצְלוֹ בְּגָלוּת גָּדוֹל, שֶׁיִּזְכֹּר אֶת מַעֲלָתוֹ הֵיכָן הוּא בָּעוֹלָם.** גם עיין שם הל' שלוחין ה"ה, אות מ"א: "**כִּי קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וּקְדֻשַּׁת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הֵם בִּבְחִינָה אַחַת** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּמָקוֹם אַחֵר.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**מו"ה שלמה זלמן עפשטיין הי"ו**
קרית יואל
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

**מו"ה יואל בלייער הי"ו**
מאנסי
**לרגל הולדת הבת למזל טוב**

**מו"ה שמואל מאיר האלצער הי"ו**
חתן מו"ה משה זאב ראזענבערג הי"ו
וויליאמסבורג
**לרגל הולדת בנו למזל טוב**

**בקשו רחמים מרובים עבור האברך אלטר**
**נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים